גוט שבת אלע אידן. בערך א הונדערט און פופצען יאר צוריק האט די רשעות'דיגע רוסישע רעגירונג געמאכט א ספעציעלע גזירה אז רבי'ס פון דער טווערסקי משפחה ד"ה פון בית טשערנאבל טארן נישט ארויסקומען פון געוויסע געגענטען וואו זיי האבן געוואוינט אין רוסלאנד. דאס הייסט אז טאמער א רבי האט געוואוינט אין א געוויסע געגענט בעפאר די גזירה, האט ער נאכדעם נישט געקענט ארויסגיין אהנע רשות אפילו אויף א קורצע צייט צו אן אנדערען ארט. די מין גזירה איז מער אדער ווייניגער אנגעגאנגען ביז די מפלה פון די קאמוניסטען ימ"ש בערך פופצען יאר צוריק. פארשטייט זיך אז די רשעים האבן ספעציעל גערודפט רביס.

צווישען די רבי'ס וואס האבן געליטן פון דער גזירה איז געווען דער צדיק רבי מרדכי דוב מהארנאסטייפאל זצ"ל. אין יענע טעג פון די גזירה, האט זיך דערנענטערט די חתונה פון רבי מרדכי דוב'ס זון רבי ברוך דוד ז"ל אין שטאט "האמיל" צו דער טאכטער פונעם ראשקובער רבי'ן ז"ל. ווי אזוי וועט ר' מרדכי דוב גיין, ווייל האמיל איז געווען אין אן אנדערע געגענט וואו ער האט נישט געטארט גיין?!? אבער ווי אזוי וועט ער נישט גיין?!?! ער האט אפגעמאכט אז ער וועט גיין. אין די טאג פון דער חתונה, האט ער זיך פארשטעלט אלץ א פעדלער און ער איז שטילערהייט אנטלאפן פון זיין שטעטל קיין האמיל. ער האט צו קיינעם נישט דערציילט אז ער גייט צו דער חתונה.

אויפ'ן וועג האט רבי מרדכי דוב פונקט געטראפן א חסיד. דער חסיד האט אנגעקוקט דעם רבי'ן און דער חסיד האט באמערקט וועמען ס'איז. דער רבי האט זיך פרובירט צו באהאלטן, אבער דער חסיד איז צוגעגאנגען צו זיין רבי'ן און דער חסיד האט געזאגט צו אים, "שלום עליכם רבי!"

"דו ביסט א נער!" האט דער רבי געזאגט. דער רבי איז געווארן אויפגערעגט אויף אים. אבער, דער חסיד האט זיך נישט געקענט צוריקהאלטן פון באגריסן זיין רבי'ן. פארוואס האט יענער נישט געכאפט וואס גייט פאר, אז צוליב דער סכנה גייט דער רבי באהאלטענערהייט צו דער חתונה? דער רבי האט פרובירט צו מרמז זיין צו דעם חסיד אז ער זאל שטיל בלייבן, אבער גארנישט האט געהאלפן. ביז דער רבי איז אנגעקומען צו דער חופה, האט יעדער איינער געוואוסט אז ער איז דארט.

טויזענטע אידן פון האמיל און די שטעטלעך און דערפער ארום זענען צוזאמענגעקומען ביי דער חופה פון דעם צדיק'ס זון. אפילו יעדער איינער האט נישט געקענט געבן "שלום" צו דעם צדיק, גענוג איז עס געווען פאר זיי נאר צו זעהן די הייליגע צורה פונעם רבי'ן. רבי מרדכי דוב האט זיך געפריידט א מורא'דיגע שמחה צו קענען זיין ביי זיין זון'ס חופה. אבער צוליב דער סכנה האט ער באשטעלט א בעל עגלה אים אהיימצופירן שנעלערהייט באלד נאך די חופה.

און אזוי איז טאקע געשען. נאכדעם וואס רבי מרדכי דוב האט שטילערהייט אנגעוואונטשן דעם עולם נאך דער דערהויבענע חופה, איז ער שוין ארויסגעפארן אויף דעם וואגן. ווען דער וואגן איז דורכגעפארן א וואלד, האט דער בעל עגלה (א גוי) זיך געדרייט צום רבי'ן און ער האט אים געזאגט, "באמת זאלסטו וויסן אז איך בין א רויבער. איך בעט פון אייך אזוי: איר זאלט מיר בענטשן אז איך זאל מצליח זיין מיט מיין ארבעט. און טאמער איר ווילט מיך נישט בענטשן, גיי איך אייך הרגענען אויפן פלאץ!"

דער צדיק איז נישט איבערראשט געווארן. ער האט רוהיגערהייט געענטפערט צו דעם רויבער, "דו ווייסט וואס? די זעלבע מעשה איז געשען מיט מיין זיידע ר' זושא זי"ע. דער מעשה גייט אזוי..." דאן האט ר' מרדכי דוב אנגעהויבן צו דערציילן דעם מעשה פונעם הייליגען ר' זושא פון האניפאלי זי"ע.

אמאל איז ר' זושא געווען אויפן וועג ווען רויבערס האבן אים אפגעשטעלט. זיי האבן אים געבעטן אז ער זאל זיי בענטשן, און טאמער נישט גייען זיי אים הרגענען. ר' זושא האט געענטפערט צו זיי אז עס וועט באלד קומען א רייכער פָּריץ וואס וועט שטארבען אויפן וועג און די רויבערס גייען קענען אסאך געלט אוועקנעמען פון אים, אהן זיי זאלן אים דארפן הרגענען. ר' זושא האט ווייטער געזאגט צו זיי אז טאמער זיי גייען טוישן זייערע לעבנס און זיך אפמאכן נאר צו טון גוטס פאר אנדערע, דעמאלט וועלן זיי אלע זיין געבענטשט און מצליח זיין אין לעבן. און טאמער נישט, וועלן זיי אלע איין טאג דערנאך ווערן געכאפט דורך די רעגירונג, און גיין זיי ווערן אנגעפירט אין קייטלעך לעבן ר' זושא'ס הויז.

און אזוי איז טאקע געשען. א חלק פון די רויבערס וואס האבן דעמאלט באפאלן ר' זושא האבן טאקע "תשובה" געטון און זיי האבן שטארק מצליח געווען, און א חלק פון זיי האבן ווייטער באגנבעט און זיין זענען צום סוף געכאפט געווארן און זיי זענען טאקע געפירט געווארן אין קייטלעך לעבן ר' זושע'ס הויז אין האניפאלי.

"יעצט," האט ר' מרדכי דוב געזאגט אויספירנדיג זיין מעשה צו דער רויבער אין וואלד, "איך קען דיך נישט צוזאגן א רייכער פְּריץ... אבער טאמער דו וועסט "תשובה" טון, גייסטו האבן א גוטען לעבן, און טאמער נישט, דעמאלט גייסטו האבן א ביטערען סוף. און אויב דו ווילסט מיך נאכאלץ הרגענען, הרגעט מיך שוין יעצט!" דער בעל עגלה האט אלעס געהערט. ער האט גארנישט געענטפערט. נאר ער האט דעם רבי'ן באגלייט אהיים געזונטערהייט!

דער הייליגער רמב"ן איז מסביר אז ספר דברים איז א חזרה פון אלע מצוות אין די תורה. דער אייבערשטער האט געוואלט אז די בני ישראל זאלן זיך צוגרייטן און תשובה טון פאר זיי זענען אריינגעגאנגען אין ארץ ישראל. באלט נאך ט' ב'אב הייבט זיך אן די השפעות פון די תשובה טעג פון אלול און תשרי, אזוי ווי עס איז מרומז אין די ראשי תיבות פון חודש "אב" ד"ה "אלול בא." וועגן דעם, איז עס יעצט צייט צו חזר'ן אלעס וואס מען דארפט צו וויסן צו זיין גרייט פאר די ימים נוראים. דער אייבערשטער זאל טאקע העלפן אז מיר זאלן קענען טאקע פארלאזן די אבילות פון די טעג, און זיך אנפאנגען בשמחה די הכנות צו די גרויסע טעג וועלכע קומען באלד פאר. **גוט שבת אלע אידן.**

נתרם לרפו"ש של הילדה מלכה רייזל בת רחל, הילד צבי אלימלך בן שיינדל, ר' דוד צבי מנחם בן חיה שרה,
שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים, רייזל בת גיטל בתשח"י

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 362-3234 (845) - **נא לעיין בדף זה לאחר התפילה**

"ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (זוהר הקדוש שמות פר' תרומה קלא:)